ב"ה

# דרשת כ"ק הגאון האדיר פוסק הדור
# מרן בעל שבט הלוי שליט"א

## במעמד רבבות אלפי ישראל

### כינוס כלל ישראל להצלת הדורות - א' במדבר כ"ח אייר תשע"ב

בעזרת השם יתברך בעזרת חי החיים ברוך הוא וברוך שמו

מורי ורבותי, גאונים וצדיקים, מנהיגי ישראל וואס האבן זיך פארזאמלט צוזאם מיט'ן כלל ישראל אלפי רבבות ישראל עם קדוש, למען יעמוד כחומה בצורה לשית עצה ולגדור גדרים ואיסורים נגד דעם גרויסן פרץ וואס האט פורץ געווען בגדרי הצניעות די המצאה פון אינטער-נעט און די כלים וואס זענען שייך צו דעם, די כלים גדולים די כלים קטנים.

עת לעשות לה' הפרו תורתך, איז געקומען די צייט לגדור גדרים אויף די י"ג פרצות וואס האט בעווה"ר שוין פורץ געווען, דער רודף און דער מסית ומדיח אינטער-נעט. וואס איז געשאפן געווארן בעצת בלעם הרשע נגד דעם יסוד פון אידישן פאלק, דעם תנאי וואס הקב"ה האט געגעבן ביי מתן תורה כה תאמר לבית יעקב ותגד לבני ישראל ואתם תהיו ממלכת כהנים וגוי קדוש! און חז"ל זאגן, אומעטום ווי ס'שטייט א לשון קדושה, רעדט מען פון א גדר נגד העריות, נגד דעם מאראלישן ירידה פון כלל ישראל חס ושלום, ווי רש"י זאגט אנהייב פרשת קדושים, דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם קדושים תהיו, זאגט רש"י על פי חז"ל, פרושים מן העריות.

ואני תפלתי לך ה' עת רצון, איך וויל באגלייטן מיינע ווערטער מיט א תפלה לך ה' עת רצון, אלקים ברוב חסדך עננו באמת ישעך, דאס צו טוען בחלקו וואס האבן געטוען רבותינו הגדולים די אנשי כנסת הגדולה ווען זיי האבן געזען אז דער עוון פון יצה"ר פון ע"ז האט גורם געווען צום חורבן הבית ראשון כידוע, האבן זיך פארזאמלט די אנשי כנסת הגדולה בתורה ובתפלה ובבקשה ובתעניתים ובסגופים צו בעטן פון אייבערשטן ער זאל מחליש זיין דעם יצר פון ע"ז אז אידישע קינדער זאלן נישט נכשל ווערן. ואני תפלתי לך ה' עת רצון ווען ס'איז געקומען א עת רצון דאס דער כלל ישראל ברבבותיו האט זיך פארזאמלט, ער האט געפילט אז ס'איז געקומען די צייט צו מאכן גדרים וסייגים ואסורים לבל יעבור עלינו פורץ גדר די אינטער-נעט מיט אלע זיינע תולדות וואס האבן גורם געווען חורבנות פאר בתי ישראל, וואס האבן גורם געווען אז בחורים ובתולות זענען נצרח געווארן פון דעם עון, מ'האט זיך מתדרדר געווען רח"ל אין א וועג וואס פירט צו א שאול תחתית.

— און אזוי ווי דער רצון השם איז אז אין יעדן דור איז מחוייב די בתי דינים לעמוד בגדר ולעשות גדרים וסייגים איז מען זיך היינט צונויף געקומען לעשות גדרים וסייגים און אוועקצולייגן די יסודות אויפן עתיד ס'זאל נישט מער מעגליכקייט דאס דער רודף דער אינטער-נעט זאל מאכן אזא חורבן ווי ער האט געמאכט ביז יעצט.

דער תכלית פון די אסיפת קודש לשם שמים זאגט הקב"ה כולם נקבצו ובאו לך לכבוד ה' ולכבוד תורתו הקדושה, לקדושת ישראל לדורות, לעת כזאת ווען די צייט איז מסוגל פאר מתן תורה ווען הקב"ה האט געגעבן די הייליגע טעג פאר מתן תורה, והודעתם לבנך ולבני בנך יום אשר עמדת לפני ה' אלקיך בחורב באמור ה' אלי הקהל את העם ליראה אותי כל הימים אשר הם חיים על האדמה ובניהם ילמדון.

לעת כזאת וואס די צייט איז מסוגל לקראת זמן קבלת התורה זיך מעורר צו זיין להזעיק, צו רופן צו הקב"ה און לפשפש מעש בענין די כלי המשחית אינטער-נעט וואס רבים וחללים הפילה, האב איך מיך אויך בעזרת חי החיים מצרף געווען צו די גודרי גדר לעשות משמרת למשמרת, ווי חז"ל זאגן אומרים לנזיר סחור סחור לחמרא לא תקרב.

איך וויל זאגן א קיצור פון הוראות און פון הלכות וואס אן דעם האט מען נישט יוצא געווען די גרויסע אסיפת קודש. ווי א דבר פשוט אז א איד וואס ער דארף נישט צו זיין פרנסה די השתמשת בכלי אינטער-נעט, דארף ער נישט משתמש זיין און דארף אים נישט ברענגען אין שטוב און אפילו במקום עבודה, אפילו ווען דער אינטער-נעט איז מיט א פילטער.

די וואס איז איבערצייגט אז זיי דארפן א חלק פון אינטער-נעט לצורך פרנסתם, איז א איסור גמור און א תנאי בל יעבור, נאר משתמש זיין מיט א אינטער-נעט וואס האט דעם פילטער וואס דער מרחק איז די גאנצע מעגליכקייט אז מ'זאל נכשל ווערן חלילה וואס מ'איז נכשל געווארן עד היום.

אבער אפילו דעם אינטער-נעט מיט א פילטער דעתינו על דעת תורה אז מען זאל אים נישט ברענגען אין שטוב, נאר צו מקום עבודה כדאי מונע צו זיין מכניס זיין דעם אינטער-נעט אין א אידישע שטוב.

אויב חלילה וחלילה עס טרעפן זיך נאך פורצי גדר וואס וועלן נישט מרחק זיין דעם אנדזשעקס?? דעם אסון פון אינטער-נעט, איז א איסור גמור על פי התורה אריינצוגיין אין זייער שטוב!

די גמרא זאגט אין בבא קמא דף פ' ע"א, אז ס'איז געווען א מעשה בחסיד אחד שהי' גונח מלבו, ער איז געווען א הארץ קראנקער צדיק, איינע פון די גרויסע צדיקי ישראל, און דער צדיק האט געברויכט צו די רפואה הייסע מילך פון א כבש, וואס דאס האט אים געברענגט די רפואה. אבער מ'ווייסט דאך אז חכמי ישראל האבן גוזר געווען אז מ'טאר נישט מגדל זיין אין ארץ ישראל א בהמה דקה, זענען געקומען די חכמי ישראל אים מבקר חולה זיין, און זיי האבן געזען דעם כבש, וואס איז א שטיקעלע פירצה נאר געווען, א קליין פירצה קעגן די תקנה פון אין מגדלין בהמה דקה בארץ ישראל, האבן חכמי ישראל געזאגט און געשטאנען ביי די טיר און אים געזאגט: גזלן בבית הדין, ואנו נכנסין בו! וכל שכן קל וחומר בן בנו של קל וחומר, אויב א איד האלט רח"ל דעם פורץ גדר אין זיין שטוב איז א איסור חמור און חרם על פי תורה אז מ'טאר נישט מבקר זיין די שטוב!

דער איסור פון השתמשת באינטער-נעט איז א גדר בצורה סיי אויפן קאמפיוטער, הן דורכן טעלעפאן, הן מתוך אלע כלים וכלים שונים! א דבר פשוט אז די אלע גדרים זענען נישט קיין חומרא וחסידות נאר חובה על פי התורה על כל אדם בישראל, הירא והחרד לדבר ה'! און ווער ס'איז נישט מקבל אויף זיך די גדרים איז ער א פורץ גדר מיט אלע תוצאות פון א פורץ גדר וואס די תוה"ק האט קובע געווען.

— און ס'איז א באזונדערע חוב אויף די אידישע עלטערן, אויף טאטעס און מאמעס משגיח צוזיין און בודק צוזיין די קינדער די ילדים מ'זאל נישט אריינברענגען די נוגע פון אינטער-נעט בלא פילטער!

דער זעלבער איסור און די זעלבע חוב איז חל אויף דעם מוסד החרדים, די ישיבות גדולות די ישיבות קטנות, בתי חינוך לבנות בנות ישראל הצניעות, אז ס'ליגט אויף די הנהלת המוסדות די הנהלת הישיבות אויף די ראשי ישיבות און אויף די מרבצי תורה א חוב גדול אז ס'זאל נישט נמצא ווערן די חבורא פון די תלמידים, אפילו איין תלמיד... וואס איז מנוגע וואס ער איז איינגעגריפן פון דעם באציל פון דעם חיידאק פון אינטער-נעט! וואס דער איינער תלמיד קען זיין א גורם אריבערצוברענגען דאס צו די אנדערע תלמידים!

א איסור גמור אויף מוסדות חרדים מ'טאר נישט ארייננעמען א תלמיד פון א משפחה וואס איז מחזיק א אינטער-נעט באיסור! א איסור גמור אויף די מוסדות החינוך פון אידישע טעכטער אז זיי טארן נישט ארייננעמען א תלמידה וואס קומט פון א משפחה וואס מ'איז נישט מקפיד מ'איז פורץ גדר אין דעם אינטער-נעט!

— און צום סוף, אזהרה צו די אבריכים און צו די הורים וואס זענען דואג לפרנסיו של צאצאים ובנותיהם בודק צו זיין בשבע חקירות ודרישות צי דער מקום עבודה איז באמת נקי מכל זה! אז דער מקום עבודה קען חלילה וחלילה משפיע זיין אויף א בת ישראל.

ובזכות ווען אידישע קינדער וועלן האלטן די גדרים, ובזכות ווען אידישע קינדער וועלן ווילן זיין די מקבלים פון די גדרים וואס מנהיגי ישראל האבן זיי געמאכט, ובזכות אז ס'וועט דורכדעם נתרומם ווערן דעם אתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש, ובזכות אז מ'וועט אויפשטעלן א לגיון של מלך מלכי המלכים הקב"ה וואס וועט זוכה זיין מקבל צו זיין משיח צדקינו ברחמים גדולים בקדושה וטהרה, בין איך בטוח אז מיר האבן זוכה געווען זיך משתתף צו זיין א כינוס פון כלל ישראל וואס איז א כינוס של קידוש השם, וואס עס זאגט רבוש"ע עבדך אנחנו, מיר זענען דיינע עבדים און מיר ווילן גיין אין דיין וועג.

בזכות התורה ובזכות הקדושה ובזכות העבודה וועלן מיר זוכה זיין צו זעהן לגיונות לגיונות וואס וועלן זוכה זיין רוח אפינו משיח ה'. ויהי רצון מלפניך אבינו שבשמים אז איך זאל זוכה זיין צוזאם צו גיין מיט'ן כלל ישראל ווען ס'וועט קומען די צייט פון זכרו תורת משה עבדי, הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא זכור לטוב והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם, נזכה ונחיה ונראה רוח אפינו משיח ה' בב"א.